# דבר חריף

## פרשת פקודי

שנת תשפ"ד לפ"ק

נלקט משיעוריו של
הגה"צ ר' **יהושע העשיל שארף** שליט"א
רב ואב"ד חסידי רוזין קרית יואל

הוצאת מובחר

## לשמוע שיעורים

בארה"ב על מספר הרגיל של קול הלשון 1.718.521.5231

לחורש"י **27**.3.1.1.5 - לגמרא 3.2.2.14 - לשו"ע 3.3.6.28

בארץ ישראל 073.321.1792

מען קען הערן די שיעורים אין אמעריקע
אויף א דירעקטע נאמבער דורכן רופן 646-934-6134

אפשר למנות לקבל השיעורים בכל יום דרך קול הלשון

**שמעו ותחי נפשכם**

ויקהל ־ פקודי. ויקהל איז א לשון פון אחדות און פקודי איז א לשון פון גאולה. שטייט אז בזכות אחדות נגאלין. מ'ווייסט אז די בית המקדש איז חרוב געווארן צוליב שנאת חנם, איז זיכער אז מיט אהבת חנם וועט זיין בנין בית המקדש.

אלה פקודי המשכן משכן העדות. אלה איז פוסל את הראשונים, און פקודי איז א לשון פון גאולה. איינער וואס איז פוסל את הראשונים, ער קען פס'לען די עבר, נישט אז יעדע זאך פון די עבר איז פסול, נאר די עבר עקזעסטירט מער נישט, עבר איז די אותות עבר רעב בער, א מענטש איז אמאל הונגעריג און נייגעריג אויף זאכן וואס איז געשעהן אין די עבר, האב איך יא גוט געטון האב איך נישט גוט געטון, מענטשן האבן ליב צו פארענטפערן יעדע מצב וואס איז געווען. מיום שנחרב בית המקדש שערי דמעות לא ננעלו, פון די טאג פון די חורבן בית המקדש איז אראפגעקומען א דכאון אויף די וועלט וואס הייסט שערי דמעות, ס'איז א בחינה אז מ'איז זיך שטענדיג משער אז 'דמעות', מ'האלט אינאיין מעוות זיין, לא ננעלו, ס'עהרט זיך נישט אויף אזעלכע מצבים וואס מ'רעדט זיך איין אז מ'איז מעוות. א מענטש טראכט דא טו איך נישט ריכטיג איך מיין אָן חרבנות. אבער וגם חרבונה זכור לטוב זאגן אונז כסדר, אלע חורבנות זענען זכור לטוב.

די הייליגע רוזשינער זי"ע זאגט: רשעים מלאים חרטות, רשעים טראכטן אויף יעדע זאך איך האב חרטה אז איך האב געטון דאס און דאס, אזא איינער גייט אריין בגדר רשע, רשעים מלאים חרטות כרמון, א רמון האט 613 קרעלעך, דאס איז אקעגן די תרי"ג מצות התורה. א איד דארף וויסן

אז יעדע מצב וואס געשעהט קומט עס פון א מצוה, פון א ציווי פונעם אויבערשטען, אזוי האט דער אויבערשטער געוואלט אין אדם נוקף אצבעו מלמטה אלא אם כן מכריזין אותו מלמעלה (חולין ז:), ס'האט נישט געקענט זיין אנדערש, אזוי האט דער אויבערשטער מסבב געווען ביי ששת ימי בראשית אז אזוי דארף זיין און ס'קען פשוט נישט זיין אנדערש, אזוי דארף א איד לעבן, און ער זאל זיין מחובר לטהור, און וויסן אז אזוי ווערט מען טאקע טהור, אז א מענטש קוקט אָן זיין מצב, ס'קוקט אויס ווי טמא, וויאזוי ווערט עס טהור, אז מ'ווייסט אז ס'קומט פונעם אויבערשטען, אמונה טהורה אמונה פשוטה, און אלעס ווערט גערייניקט מ'ווערט אינגאנצען ריין.

אויב אבער קוקט מען אויף די עבר אויף זיך צו לערנען, זקן איז זה שקנה חכמה, א עלטערע איז איז קלוגער ווייל ער ווייסט וויפיל זאכן ער זאל נישט טון פון די טעותים וואס מ'האט געמאכט אין די עבר, אבער סתם ליגן אין דעם האט נישט קיין שום פשט, מ'לערנט זיך אפ פון די עבר און געגאנגען ווייטער, יעדער טעות איז ט' עות, ט' איז מרמז אויף אמת ווייל וויפיל מאל מ'וועט דאפלען די 9 בלייבט עס די זעלבע, צוויי מאל ניין איז אכצן, איינס מיט אכט איז 9, און אזוי ווייטער. און די סיבה איז אז וויפל מאל מ'דאפעלט עס בלייבט אלץ ניין, ווייל די שורש פון די אמת איז אז יעדע זאך דארף צוריק קומען צו זיין שורש. און אפילו אין די טעות איז אויך געווען א אמת'קייט, ווייל אזוי האט געדארפט זיין און ס'האט נישט געקענט זיין אנדערש, זאג"ן איז ראשי תיבות נ'ישט ג'עקענט ז'יין א'נדערש.

ס'איז געווען א מחלוקת צווישן בצלאל מיט משה רבינו צו ערשט זאל מען בויען די משכן און נאכדעם מאכן די כלים, צו ערשט מאכט די כלים און נאכדעם בויען די משכן. בצלאל האט געהאלטן אז מ'דארף ערשט מאכן די משכן און נאכדעם די כלים, און משה רבינו האט זיך טועה געווען און געזאגט אז מ'דארף ערשט מאכן די כלים און נאכדעם די משכן. שפעטער האט משה רבינו געזאגט פאר בצלאל אז יא ביסט געווען גערעכט מ'דארף טאקע ערשט מאכן די משכן און נאכדעם די כלים.

מ'קען מסביר זיין אויף א שיינע פארנעם וואס איז געווען די מחלוקת צווישן משה רבינו און בצלאל. משה רבינו האט געהאלטן אז כדי אידישע קינדער זאלן מצליח זיין און די מעשה המשכן און אין די ושכנתי בתוך כל אחד ואחד, צו מצליח זיין אין עבודת ה' דארף קודם זיין די כלים, מ'דארף קודם זיין אין די כלים דאס מיינט שמחה און געשמאק און אזוי ווייטער.

אבער בצלאל האט געזאגט אזוי: אויב מ'וועט אלעמאל דארפ'ן זיין אין די כלים וועט מען נישט מצליח זיין ווייל מ'גייט נישט אלעמאל זיין אין די כלים, ערשט דארף זיין א משכן א בית וואס איז ראוי לשכינה, מ'דארף וויסן אז אין יעדע מצב איז מען מיט'ן אויבערשטען, שפעטער וועט מען זיין אין די כלים. דאס איז געווען די מחלוקת דא, די שטייגער איז אז מ'בויעט א הויז און נאכדעם מאכט מען די כלים, א הויז איז קבע, אז דו ווערסט מאכן זיכער אז דו ווערסט זיין בקביעות אין עבודת ה' שפעטער וועסטו שוין זיין אין די כלים.

ס'איז א יסוד פאר יעדע איד סיי ביי עבודת ה' און סיי פאר תורה און תפילה און סיי ביים גיין צום ארבעט, ארבעט קען אנקומען מורא'דיג

שווער אמאל איז מען יא אין די מאָד און אמאל נישט. און כדי צו מצליח זיין אין עבודת ה׳ דארף מען וויסן דעם כלל: ערשט דארף זיין א בית משכן לה׳, מ׳דארף וויסן איך בא צו בלייבן, און שפעטער וועט מען זיין בשמחה און אין די כלים.

ס׳איז דא א שיינע אור החיים הקדוש די וואך, די ווארט כאשר צוה ה׳ את משה ווערט דערמאנט צוועלעף מאל. זאגט די אור החיים הקדוש א אינטערסאנטע זאך אז די אידן וואס האבן געבויעט די משכן האבן געהאלטן אינאיין איבערזאגן די ווערטער: איך טו דאס כאשר צוה ה׳ את משה. שטיט אין צעטל קטן פונעם נועם אלימלך אז מ׳זאל זאגן לשם יחוד קוב״ה ושכינתיה פאר יעדע מצוה, און מיט די צייט וועט ער פילן א טעם, איך טו דאס ווייל דער אויבערשטער האט געהייסן, ס׳איז א בחינה פון לעבן מיט׳ן אויבערשטען וואס מ׳טרעפט היינט דאנקען דעם אויבערשטען.

אז מ׳רעדט פון דאנקען דעם אויבערשטען אסאך מאל דאכט זיך פאר א מענטש אז ער האט געמאכט פשוט א טעות און מ׳מיינט עפעס א שלעכטע זאך איז גשעהן, און ס׳הייבט זיך אפילו נישט אָן, שפעטער כאפט מען זיך אז ס׳איז בכלל א שאָד אויף די גאנצע געשפעט, איז וואס האט אויסגעפעלט די עגמת נפש צו טראכטן אז עפעס איז געשען א שלעכטע זאך.

די תירוץ איז אז ווען ער כאפט זיך לאמיר זאגן אז איינער באקומט יעדע חודש א טשעק און איין חודש איז עס נישט געקומען אזוי פונקטליך און ער מיינט שוין אז יענער וויל שוין נישט שיקן יעדער האט זיך זיינע

חשבונות. און נאכדעם ווערט ער געוואָר אז ס'האט פשוט פערשפעטיגט צו קומען.

ביי אזעלכע סארט טעותים דערמאנט זיך דער מענטש אז וואס איז מיט די אלע צייטן וואס איז יא געקומען צייטלעך האב איך יא געדאנקט דעם אויבערשטען אויף דעם. מ'דארף זיך מחזק זיין מיט ארומימך ה' כי דילתני ולא שמחת אויבי לי ה' העלית מן שאול נפשי חייתני מיורדי בור און מ'דארף טאקע דאנקען דעם אויבערשטען, ס'זעט נאר אויס אז ס'איז געווען שלעכט אבער מ'דארף דאנקען דעם אויבערשטען אז ס'איז יא געווען גוט.

לאמיר דאנקען דעם אויבערשטען שטענדיג ביי מודים, אביסל זיך אויסגיסן דאס הארץ און דאנקען דעם אויבערשטען וואס מ'האט, ב"ה מ'איז געזונט, ב"ה מ'האט א ווייב מ'האט קינדער ב"ה צו מ'האט יא אלע שאיפות ערפילט צו מ'האט נישט אלע שאיפות.